אַ מַעֲשׂה

פון אַ רב מיט אַ רביצן

אָדער

אַ הון אויף אַ קאַצְשקענע איי

אַ ספור

פאָן י. בודזאָהן.

ווילנא

שנת תרע"ג לפ"ק

Сказка о раввинѣ и раввиншѣ,

или

Высиживала кура утиное яйцо.

Разсказъ О. Будзона.

1913

1.

ר׳ שְׁלֹמֹה דֶער רַב פוּן טְרוּסִישָׁאק — אַ פֶּערְוָואָרְפֶּען
ווִינְקֶעל פוּן אַ שְׁטָאדְט אוּנ אַ בַּאהְן — אִיז גֶעזֶעסֶען, עֶרֶב
שִׁבְעָה-עָשָׂר בְּתַמּוּז, פאַר וָועצְשֶׁערֶע, אוֹיף דֶעם גִּידְרִיג
אוֹיסְגֶעקְרִיהְמְט גַאנֶעקְל פוּן זַיין הויז, אוּנ גֶערֶעדְט מִיטְ׳ן
שַׁמָּשׁ, בֶּערִיל גֶעכֶעס, ווֶעלְכֶער אִיז, פוּן רַבְ׳ס כָּבוֹד וֶועגֶען,
גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ גֶעהַאלְטֶען דִי לִינְקֶע הַאנְד אִין קֶעשֶׁענֶע
אוּנ דָאס רֶעכְטֶע אִין בְּאָרְד.

בֵּיידֶע זַיינֶען גְרָאה, קְלֵיינְגֶעוויקְסִין אוּנ דַארְר. ר׳
שְׁלֹמֹה׳לֶע אִיז אַ בֶּן-שִׁבְעִים; זַיין צוּנְקארְצְשֶׁעט פָּנִים אִיז מִיט
גֶעדִיכְטֶע הָארְר, מִיט אַ הִיבְּשֶׁע בָּארְד בֶּעווַאקְסֶען, דָאךְ
הַאלְט עֶר זִיךְ נָאךְ שְׁטַייף, אוּנ זַיינֶע שַׁארֶע אוֹיגֶען זֶעהְן
גָאר גוּט; עֶר אִיז נִיט אַיינְגֶעבֵּייגֶען, אוּנ אָפְּט — אִיבְּער
הוֹיכְּט, ווֶען עֶר רֶעדְט מִיט בֶּערְלֶען — קוּקְט עֶר מִיט גַדְלוּת
אוֹיף זִיךְ, חָאטְשֶׁע, בִּכְלַל, אִיז עֶר אַ גוּטְהֶערְצִיגֶער בְּלָאזְט
נִיט פוּן זִיךְ...

בֶּערִיל זֶעהְט אֶרְגֶער אוֹיס. זַיין צוּרָה אִיז ווִיא אַ פַּייג
גְרַאסְס, זַיין בָּארְד בֶּעשְׁטֶעהְט נוּר אִין עֶטְלִיכֶע הָארְר, דִי
נָאז אִיז ווִיא גֶעשְׁוָואלְלֶען אוּנ רַאטְה, דִי בְּרֶעמֶען נָאךְ רַאטֶער.
דִי אוֹיגֶען — פֶערְצַייגֶען — זֶעהְן אוֹיס ווִי אַקַאהְל אוּנְטֶער
אַשׁ אוּנ קוּקֶען טְרוּסְלִיווֶע אוּנ אוּנְפֶערְשְׁטָאנְדְלִיךְ, דִי פְּלֵייצֶע
אִיז אוֹיסְגֶעהַייקֶערְט. דִי קַנִּיָה טְרַייסְלֶען אוּנ קְלַאפֶּען אַיינְס
אָן דָאס אַנְדֶערֶע.

בֵּיידֶע גֶעהְן, כִּמְעַט, אִין אַיינֶע קָאסְטְיוּמֶען. ר׳
שְׁלֹמֹה׳לֶע גֶעהְט אִין אַ קְרִיטְאנֶענֶעם חַאלַאט מִיט טֶערְקִישֶׁע

קווייטע

קְוויטָען, קאַנְטִיג, אַז עֶר אִיז גֶעוֶעזֶען נָאךְ אִין דֶער צַייט, ווָען דֶער רַב אִיז יוּנְגֶער אוּנ פוּלֶער גֶעוֶועזֶען. בֶּערִיל טְרָאגְט אוֹיךְ אַזַא מִין הַאלַאט, נָאר אַסַךְ אַ-נ-אֶלְטֶערֶער; דִי אַרְבֶּעל מִיט דִי פְּלֵייצֶע הָאבֶּען אוֹיף זִיךְ הִיבְּשֶׁע רֶעפָּעראַצְיֶעס גֶעהַאט, אוּנ אוּנְטֶען — אַרוּם זַיינֶען בְּרִיזֶגֶעס גֶעהַאנְגֶען. דֶער חַאלַאט שְׁטַאמְט טַאקִי פוּן יִחוּס — פוּן רַב לֶעבֶּען — ווָען פַאר אִיהְם צוּ טְרָאגֶען אִיז עֶס שָׁאן צוּ-שְׁפָּעט גֶעוֶועזֶען; עֶר הַיינְגְט אוֹיף בֶּערְלֶען, ווִי אַ זַאק, אַז זַיין קְלֵיין אוֹיס-גֶעטְרִיקֶענְט נוּף פֶערְלִיהְרֶט זִיךְ אִין דֶעם מַלְבּוּשׁ; מֶעהְר ווִי דִי פַּאנְטָאפֶעל, דִי קָאפְּף אוּנ דָאס אוֹיסְגֶעווְיָאגֶעלְטֶע מִיט הָאר בֶּעוַואקְסֶענֶע הֶערְץ זֶעהֶען זִיךְ פוּן חַאלְאַט נִיט אַרוֹיס.

זָאגְט אִיהְר, רָבִּי, אַז מָארְגֶען זָאל מֶען אַכְט אַזֵייגֶער דַאבְנֶען?

— אַכְט . . . אַכְט, ווָאס נֶעהְסְטוּ נִיט אַהַיים, בֶּערִילוּ? — הָאט אִיהְם דֶער רַב גֶעפְרֶאגְט, זֶעהְנְדִיג, אַז עֶר דְרֶעהְט זִיךְ אוּנ שְׁטֶעהְט דָאךְ אוֹיף אַ-נ-אַרְט.

— אֶמ . . . אַזוֹי, רַבִּי . . .

— עֶפֶּעס ווִילְלְסְטוּ מִיר זָאגֶען?

— ווַיים אִיךְ? . . .

— רֵייד שֵׁאן, ווָאס אִיז אַ זַיינְס?

— אִיךְ ווִילל אַ קְלֵיין טוֹבָה . . .

— דוּ ווִילְסְט ווָאס! טְפּוּי, שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל! דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהְל זֶעה אִיךְ אַזַא נֶפֶשׁ! . . . אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, מִי יוֹדֵעַ ווָאס עֶס הָאט גֶעטְרָאפֶען!

— חָלִילָה. קֵיין סַכָּנָה. אַ שְׁטֵייגֶער . . . אִיךְ ווִיל בֶּעטֶען אַ גְמִלוּת-חֶסֶד, רַבִּי

— הְמְ!... אִיךְ בִּין עֶפֶּעס, מֵיינְסְטוּ, בֶּעריל, רָאהְטְשִׁילְד, מֵיינְסְטוּ?.. פִּיל דַארְפְסְטוּ?

— אַ פִּינְפְרוּבְּלְדִיגֶע, בְּעֶרֶךְ, רֶבִּי.

— בִּינְסְט מְשׁוּגֶע צוּ הָסַר-דַעָה, בֶּעריל?! וָואס דַארְפְסְטוּ גַאנְצֶע פִינְף רוּבְּל?

— מַיין טָאכְטֶער עֶלְקֶע, רֶבִּי, אִיז גֶעקוּמֶען פוּן וָואקְנֶע — זִי אִיז בַּיי מַיין שְׁוֶועסְטֶער גֶעוֶועזֶען. זִי אִיז רַייךְ... זָאלְט אִיהְר זֶעהֶן, רֶבִּי - אַ שְׁרַייבֶּערְקֶע, אַ גֶעלֶעהְרְנְטֶע — אַ שְׁרֶעק! רֶעדְט עֶפֶּעס פְרַאנְצֵייז צוּ וָואס?!. אַ פָּאפְּקֶע, אַ גֶעמֶאהְל, זָאג אִיךְ אַיךְ - הַיינְט וָואס פַּאר אַ גוּטֶע?! - וָואלְלְט אִיהְר זֶעהְן, רֶבִּי, ווי זִי גִיט מִיר כִּבוּד-אָב - אַ שְׁרֶעק!!!

אוֹיסְרֶעכֶענְדִיג דִי מַעֲלוֹת, אִיז בֶּעריל גָאר לֶעבֶּענְדִיגֶער גֶעוָוארֶען - אַזוֹי זְוַאוו, וֶוערְטְלַיאוֶוע, אַז אַלְלֶע אֵבָרִים זַיינֶען בַּיי אִיהְם אִין דֶער אַרְבַּייט גֶעוֶועזֶען.

נַא, אִיז זִי גֶעקוּמֶען, בְּכֵן, אִיז וָואס?...

— פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר מִיךְ, רֶבִּי, אַ קִינְד, אַזַא קִינְד! אַ גַאסְט. אַ מַתָּנָה, אִיהְרֶע אִימֶענִינֶעס נָאךְ שַׁבָּת, זִי וֶוערְט אַכְטְצֶעהְן יָאהְר — אוֹיף לַאנְג יָאהְר...

— פֶערְרַייס נִיט אַזוֹי דִי נָאז, בֶּעריל! הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט, סֶערְיָאזְנֶע אַ סַאךְ טְהוּעֶנְדִיג מִיטְ׳ן הַאנְד. — אַ מֵיידִיל גֶעלֶעהְרֶענְט!.. אַ מֵיידִיל — אַ בַּעַל-הַבַּיִת׳טֶע — דָאס אִיז אַ גְרוּנְד!.. דוּ פֶערְגֶעסְט, בֶּעריל, וָואס דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט: דֶער וָואס לֶעהְרֶענְט זַיין טָאכְטֶער תּוֹרָה אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר זָאל אִיהְר לֶערְנֶען לֶעסְטֶערוּנְג.

— אִיךְ הָאבּ אִיהְר נִיט גֶעלֶערְנְט, רַבִּי, אוֹיף נֶאֱמָנוּת.

— הָאט זִיךְ בֶּעריל פֶערְעַנְטְוֶוערְט. אוֹיסֶער דֶעם, רַבִּי, אִיז זִיךְ דָאס נִיט קֵיין תּוֹרָה....

–טִפּוּשׁ אֵיינֶער! אִיז זִיךְ פְּרַאנְצֵייזֶערִישׁ בְּוַדַאי שְׁלֶעכְט...
– וֶועט אִיהְר מִיר לַייהֶען, רֶבִּי? – הָאט זִיךְ בֶּערִיל, ווִי אַ פֶּערְזִינְדִיגְטֶער גֶעבֶּעטֶען.
– דְרַייא רוּבִּיל וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין.
– קְנַאפּ, רַבִּי, בְּנֶאֱמָנוּת קְנַאפּ....
– שׁוֹטֶה, אִיךְ קָאנְן אוֹיךְ אָהְן גֶעלְד נִיט בְּלַייבֶּען. מַיין זוּהְן – וַוייסְט אוֹיךְ, עֶפֶּעס נִיט אַבִּי וֶוער – דַארְף דִי צַייטֶען קוּמֶען.
ר' שְׁלֹמֶה'לֶע הָאט גֶעדְרֶעהֶט מִיטְ'ן אֶצְבַּע-פִּינְגֶער, ווִי צוּ אַ פִּלְפּוּל, אוּנ גֶעזָאגְט:
– עֶס אִיז דִיר גְרִינְג צוּ זָאגֶען, אַ בָּחוּר – אַ רָב, דוּ בֶּעקְלָאהְרְסְט, בֶּערִיל, וָואס דָאס אִיז?.. אַ מוּס-מַךְ, אַ בַּאוֹ"-טִי-גֶער-דְרָב!
בֶּערִיל הָאט בֶּעדַאנְקְט ר' שְׁלֹמֹה'לֶען, בֶּעקוּמֶענְדִיג דִי דְרַייא רוּבֶּעל אוּנ הָאט זִיךְ גֶעשְׁלֶיאפֶּעט אַהֵיים. דֶער רָב הָאט אַ גֶעגִיין גֶעטְהָאן, אוֹיסְגֶעפַּאצְשַׁאיֶעט-זִיךְ אוּנ גֶענוּמֶען זִין אוֹיפְהֵייבֶּען פוּן נַאנֶעק.
–טַאטוּנְיָא, וֶועצְשָׁערֶע! הָאט זִיךְ פוּן פָארְהוֹיז דֶערְהֶערְט.
– אִיךְ גֶעה, חַנֶה'לֶע! הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע גֶעאֶנְטְוֶוערְט.
דִי רֶבִּיצְן, אַ דִיקֶע, אַ קֵיילֶעכְדִיגֶע יוּדֶענֶע, הָאט דֶערְלַאנְגְט אַ גְרוֹיסְסֶע לוּיטֶענֶע שִׁיסֶעל מִיט רֶעצְשֶׁענֶע פַּארְפֶעל צוּם טִישׁ, אוּנ בַּאלְד הָאט אֵיינֶער דֶעם צְווייטֶען פוּן פַארֶע נִיט גֶעזֶעהְן.
–מִיכָאֵל הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען, וֶוען עֶר קוּמְט? הָאט דִי רֶבִּיצְן גֶעפְרֶעגְט.
– נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶועט עֶר, מִן הַסְתָּם קוּמֶען. הָאט דֶער רָב גֶעאֶנְטְוֶוערְט.

כְלֶעבְּען איךְ וִויל שוין אִיהְם זֶעהְן, — הָאט גֶעזָאגְט די רֶבִּיצְן, בֶּעלֶעקֶענְדִיג זִיךְ. – 4 יָאהְר, וִוי לֶעבְּט עֶר? ס'אִיז שוין נָאר צַייט חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען – אַ מַארְצָאוֶוער בְּחוּר.

– מִיט אַזַא בָּחוּר אִיז קֵיין דַאֲגָה, — הָאט ר' שְׁלמה'לֶע פֶערְשְׁלָאפֶערְט גֶערֶעדְט.

פֶערְשְׁטֵעהְט זִיךְ, הָאט די רֶבִּיצְן גֶעזָאגְט. — אַזַא דַאֲגָה זָאלְלֶען מִיר הָאבֶּען מִיט חַנָה'לֶען. עֶר הָאט נָאר חֲתוּנָה אִיז עֶר שׁוֹין רַב. פַאר חַנָה'לֶן, דוּ פֶערְשְׁטֶעהְסְט, שְׁלמה, קָאנְן דָאס אויךְ זַיין בֶּעסֶער ···· וָואס זָאגְסְטוּ, שְׁלמה? ···· דוּ שְׁלָאפְסְט? ····

ר' שְׁלמה'לֶע הָאט שֵׁאן גֶעחְרָאפֶּעט. די רֶבִּיצְן אִיז גֶענַאנְגֶען אויסְבֶּעטֶען. חַנָה'לֶע הָאט די גֶעפֶּעס פוּן טִישׁ אויפְגֶענוּמֶען אוּנ מִיט זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט:

„אָ בְּרוּדֶער אָ רַב — דָאס הָאט טַאקִי וָואס צוּ בֶּעדַייטֶען ···· גוּט וָואס מֵיין שְׁוֶועסְטֶער מַחֲלָה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט ···· נִיט לַאנְג וָועל אִיךְ שֵׁאן זִיצֶען אַ מויד — אַ בְּרוּדֶער אַ רָב, אוּנ דָער טַאטֶע אַרָב — אָהָא!....

זַיי הָאבֶּען, נֶעבִּיךְ, קֵיינֶער גֶעוואוּסְט, אַז מִיכָאֵל הַאלְט עֶקְזַאמֶען אִין רַאבִּינֶער-שׁוּל נִיט אִין יְשִׁיבָה, אוּנ וֶועט זַיין נִיט קֵיין רָב, נָאר – אַ קַאזְיָאנֶער רָב ····

2.

כ״ה תַּמוּז, אַ זֵיינֶער צְווַייא, אִין דָאס רֶעבְּטֶע הִיטְץ, הָאט זִיךְ נֶעבִּין רָבְּ'ס הוֹיז אַ בֵּיידֶעל אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט.

– מַאמוּנְיָא, דוּבְּט מִיר, מִיכָאֵל אִיז דָא!" הָאט חַנָה'לֶע אַגֶעשְׁרַיי גֶעטְאהְן, אוּנ אִיז אויף'ן גַאנֶעק אַרוֹיס גֶעלָאפֶען.

די רָבִּיצְן הָאט, אִין דער גִיך מִיט דָעם שְׁמוּצִיגְען פֿאַרְטוּךְ די נָאז אוּנ הָאנְד אָבְּגֶעווִישְׁט אוּנ אַנְטְקֶעגְען דָעם זוּהָן אַרוֹיס גֶעלָאפֶּען.

פוּן בֵּיידָעל אִיז אַרוֹיס גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַ הַאכֶער, יוּנְגֶער, מָאגֶערֶער מֶענְשׁ מִיט גוּטֶע קַארֶע אוֹיגֶען, אוּנ זִיךְ גֶעסְטָארְעט זַיינֶע חֲפֵצִים צוּ בֶּעקוּמֶען. אוּנְטֶערְדֶעסֶען הָאבֶּען בֵּיידֶע פְרוֹיעֶן אִיהם פֶּערְוואוּנְדֶערְט אָנְגֶעקוּקְט. אוֹיף זַיינֶע מַלְבּוּשִׁים אוּנ זַיין גֶעזִיכְט אִיז קֵיין סִימָן פוּן רַבָּנוּת נִיט גֶעלֶעגִין, לוֹיט ווִי זַיי הָאבֶּען זִיךְ פְרִיהֶער פָארְגֶעשְׁטֶעלְט. אַלֶע בְּגָדִים הָאבֶּען פָּשׁוּט גְווַאלְד גֶעשְׁרִיעֶן, אַז דָאס אַ פָּאנִיטְשׁ. מִכָּאלִין הָאט זִיךְ אִין די אוֹיגֶען גֶעווָארְפֶען אַ נִידָערִיגֶע, גְרָאבֶּע מוֹיד אִין אַ שְׁמוּצִיג סִיטְצֶענֶע קְלֵייד, אוּנ הָאט אִיהְם נָאר פָאר אַ דִיהֶנְשְׁט גֶעשַׁיינְט; אוּנ אַזוֹי זַיינֶען אוּנְזֶערֶע לַייט אַ הִיבְּשֶׁע צַייט גֶעשְׁטַאנֶען, זִיךְ נִיט אַסְמֶעלֶיעט אַיינֶער צוּם צְווייטֶען צוּ-צוּ פאלֶען.

— בְּרוּדֶער, וָואס-זְשֶׁע שְׁטֶעהְט אִיהְר? – הָאט חַנָה'לֶע די עֶרְשְׁטֶע אָנְגֶעהֵייבֶּען אוּנ זִיךְ גֶעלָאשְׁצֶעט אַרוּם אִיהְם – קוּשֶׁען הָאט זִי זִיךְ נִיט עֶרְלוֹיבְּט.

„זִי אִירְצְט מִיר“, טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ, — „הַייסְט עֶס זִי אִיז אַ פְּרֶעמְדֶע, וָוארוּם – וְשֶׁע לַאשְׁצֶעט זִי זִיךְ?“

די רָבִּיצְן הָאט נָאךְ אַלְץ בַּיי זִיךְ נִיט רֶעכְט גֶעטְאכְט, אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין פָּאנִיטְשׁ — נָאר אִיהְר מִכָּאל.

– מוּטֶטֶער! הָאט עֶר גֶעשְׁרִיעֶן אַם עֶנְדֶע, אַז אִיהְם הָאט שׁוֹין די לַאנְגֶע דֶערְעֶסֶען, אוּנ אִיז צוּ אִיהְר צוּ גֶעגַאנְגֶען.

— חוּא אֱלֹקִים! הָאט זִי אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן. — בִּינְסְטוּ דָאס... מַיין זוּהְן?!.

תִּנְחוּלֶע

חַנָה'לֶע הָאט דָעם פָּאטָער אוֹיפְגֶעוֶועקְט . אִין פָּארְהוֹיז הָאט עֶר זִיךְ מִיטְ'ן זוּהְן אָנְגֶעגֶעגְנֶעט ; פֶערְשְׁלָאפֶען הָאט עֶר נִיט בֶּעמֶערְקְט, וִוי מִכָאֵל אִיז גֶעקְלֵיידְט, אוּנ הָאט אִיהְם גֶעקוּשְׁט.

„אֶפְשָׁר דַארְף אַ שְׁטָאדְטִינְגֶער רָב אַזוֹי גֵעהְן" . — הָאט דִי רֶבִּיצְן גֶעבָּארְמָאצְשֶׁעט אוּנ גֶעקְוֶועצְשְׁט מִיט דִי פְּלֵייצֶעס.

—חַנָה'לֶע, שְׁטֶעלְל אָן דָעם סַאמָאוַואר! הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע גֶעהֵייסֶען , אוּנ צוּ דִי רֶבִּיצְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט : — זֶעה דְוָואשֶׁע, וִוי עֶר זֶעהְט שְׁלֶעכְט אוֹיס.

— טַאקִי , וָואס זֶעהְסְטוּ , מִיכָאלֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוֹיס ? הָאט זִי דָעם זוּהְן גֶעפְרֶאגְט .

— לֶערְנֶען מַאכְט דֶעם מֶענְשִׁין שְׁלַאף , — הָאט מִיכָאֵל מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעאֶנְטְוֶוערְט . — אִיךְ לַאףְ דָאס , אִיךְ בִּין מִיעד פוּן וֶועג . מֶען קָאנְן זִיךְ אִיבֶּערְטָאהְן ?

— פַאר וָואס נִיט . בִּינְסְט טַאקִי פֶערְפוּלֶעט , — הָאט דְבָאשֶׁע גֶעזָאגְט אוּנ אָנְגֶעטַאפְּט דֶעם רָאק.

—אַךְ, וָואס פַאר אַ סוּרְדוּט ! וִוי טְהַייֶער קָאסְט דֶער אֵייל?

— אִיךְ וֵייס נִיט . דָאס הָאבּ אִיךְ פֶערְטִיגֶע גֶעקוֹיפְט .

— פַארְטִיגֶע ? פִּיל-זְשֶׁע הָאסְטוּ בֶּעצָאהְלְט ?

— דֶער רָאק , וֶועסְט אוּנ הַאזֶען קָאסְטֶען דְרַייסִיג רוּבֶּעל.

— טַאטֶע הַארְצִינֶער ! אַ גַאנְצֶער נָדָן — פִּיל קָאסְט דֶער קַאפָּעלוּשׁ ?

—דְרֵיי רוּבֶּעל , מַאמוּנְיָא .

— דְרַיי רוּבִּיל ! אוּנ דֶער מַאנְטִיל ?

— פוּנְפְצֶעהְן .

— פוּפְצֶעהְן ! ···· אוּנ פַאר דִי פוּהְר צְוַויי רוּבִּיל — אָ יָא ! אוּנ דָאס טַייכְטָעכְל — אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַ טְהַייֶער

טַייסְטֶעכְל

טייסטעל — בְּוַדַאי אַ הַאלְבּ קֶערְבְּל . . . צו-זַאמְמֶען אִיז עֶס אַ גַאנְצֶער פֶערְמָאגֶען — בִּינְסְט, מִיכָאלֶע, אַ-נְ-אוֹיסְבְּרֶעגְגֶער!.

— בְּרוּדֶער! אִיךְ ווִיל אַייךְ ווַייזֶען דָאס צִימְמֶערְל, ווֶעלְכֶען אִיךְ הָאבּ פַאר אַייךְ צוּ גֶעקְלִיבֶּען. דָארְטֶען ווֶעט אִיהְר זִיךְ אִיבֶּער טָאהְן.

— ווָארוּם אִירְצְט מִיר, חַנָה'לֶע? הָאט מִיכָאֵל גֶעפְרֶאגְט אִיהְר לַאסְקַאווֶע. — דָאס אִיז מִיר אִיבֶּערְדְרִיסִיג צוּ הֶארֶען.

חַנָה'לֶע הָאט דִי אוֹיגֶען אַרָאבּ גֶעלָאזֶען, אוּנ דְבָאשֶׁע הָאט פַאר אִיהְר גֶעאֶנְטְווֶערְט:

— ווִי דֶען? אַ בְּרוּדֶער-אַ רָב, נִיט אַבִּי ווֶער.

— אַ בְּרוּדֶער אִיז נִיט קֵיין רָב. — הָאט מִיכָאֵל מִיט אַ מַיין גֶעזָאגְט.

— ווַייסְט, מַיין זוּהְן, הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע גֶעזָאגְט. — ווַאשׁ זִיךְ אַרוּם, טְהוּא זִיךְ אִיבֶּער, מִיר ווֶעלֶען טְהֵיי טְרִינְקֶען אוּנ גֵעהְן מִנְחָה דַאבְנֶען.

— אִיךְ ווֶעל דַאבְנֶען אִיז שְׁטוּבּ, פָאטֶער.

— ווָאס אִיז עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ? הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע פֶערְוואוּנְדֶערְט אוּנ שְׁטְרֶענְג אִיהְם אָנְגֶעקוּקְט — עֶר הָאט יֶעצְט בֶּעמֶערְקְט, ווִי מִיכָאֵל גֵעהְט קוּרְץ גֶעקְלֵיידֶעט.

— טַאטִי אִין בֵּית-מֶדְרָשׁ, — הָאט דְבָאשֶׁע אוּנְטֶער-גֶעהַאלְטֶען, — זָאלֶען אַלֶּע זֶעהְן. יָא מַיין זוּהְן, דוּ הָאסְט אַ לַאנְגֶערְן בֶּגֶד? ווָאס גֶעהְסְטוּ אַזוֹי קוּרְץ גֶעקְלֵיידְט?

— טַאטִי, מִיכָאֵל. — הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע אוּנְטֶער-גֶעטָאפְּט. — פַאר אַ רָב פַּאסְט עֶס נִיט.

— בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלְל גֶעהְט מֶען אַזוֹי. — הָאט מִיכָאֵל, עֶטְווָאס פֶערְשֶׁעמְט, גֶעאֶנְטְווֶערְט.

— נאַ, און די פּאות'ן? — אזיך אַזוי...
דבאָשע האָט אויסגעטאַראשצעט אַ פּאָר אויגען:
— דו זאָגסט עס אין צו־נ־אמת'ן, מיכאל?!. יאָ. זאג מיר, וואס איז עס פאַר אַ שולל? קיין בית־המדרש'ן אָדער קלויזען איז דאָרט ניטאָ?...
— קלויזען מיט בתי־מדרשים זיינען דאָ אסך, נאָר איך לעהרען אין אַ שולל.
— שומר ישראל! וואס איז עס פאַר אַ שולל, פאַר אַ מקום־קדוש? — האָט ר' שלמה'לע פערוואונדערט געפרעגט.
— עס איז אַרויס סאָמע פון קיינער אַ זאַקאָן. אַז מען זאָל אַזוי געהן. — איז מיכאל'ן אַ גוטער תירוץ אין זינן איינגעפאַללעו.
— ה' ירחם! — האָט ר' שלמה'לע געזאָגט מיט איין אומעטיגע, זויערע מינע. — טהו אָן דיין מאַנטיל, מיכאל, און נאָמיר, געהן מנחה דאַבנען. — מיכאל האָט פערשטאַנען, אַז היינט מוז ער געווים זיך אונטערגעבען.
אַז בעריל דער שמש האָט מיכאל'ן דערזעהן, האָט ער זיך ניט אַסמעליעט צו־געהן איהם געבען שלום. נאָר מיכאל איז צו איהם צו געגאַנגען. — שלום־עליכם ר' בעריל מיין אַמאָלליגער רבי, וואס מאַכט איהר.
געזונד זאָלסטו פרעגען ווי אויף דער אַלטער. דאַנקען גאָט, איך האָב דער לעבט דיר צו זעהן.
— איר געדענקט, ר' בעריל, ווי איר פלעגט מיר קנייפּען?
בעריל איז פערשעמט שטעהן געבליבען.
אַרויס געהענדיג פון בית־המדרש איז מיכאל'ן לייכטער געוואָרען, איהם איז איבערדריסיג געוואָרען, ווי יעדער קוקט

קוּקט אִיהם אָן עָפֶּעס, ווִי אַ מִין פִּיפֶּערְנָאטָער.

קוֹמֶענְדִיג פוּן מִנְחָה הָאט מֶען צוּ גֶעבִּיסֶען. דער רַב הָאט זִיך צוּ-גֶעלֶעגְט שְׁלָאפֶען. דְבָאשֶׁע הָאט זִיך נֶעבֶּען מִיכָאֵלְ'ן גֶעזֶעצְט.

— הָארְסְטוּ, מִיכָאלֶע, הָאט זִי גֶעזָאגְט. — אַז עֶמִיצֶער וָואלְט מִיר קוּמֶען זָאגֶען: הָאר דְבָאשֶׁע, דָאס אִיז נִיט דַיין זוּהְן, ווָאלְט אִיך אִיהם גֶעווִיס גֶעגְלוֹיבְּט — דוּ הָאסְט זִיך גָאר...

— אוּמְגֶעבִּיטֶען, ווִילְלְסְטוּ זָאגֶען. — הָאט אִיהר מִיכָאֵל פֶערְחַאפְּט. — אַ יָא. נָאר זָאג-זְשֶׁע מִיר, מַיין זוּהְן, ווָאס רֶעכֶענְסְטוּ מַכֶּן אַ שִׁדוּך?

— ווֶעגֶין דֶעם, מַאמוּנְיָא, הָאבּ אִיךְ נָאךְ גָאר נִיט גֶעקְלֶאהְרְט. — שְׁטֵייטְשׁ, גֶעזוּנְד זָאלְסְטוּ זַיין. דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר... שׁאַן צַייט!...

מִיכָאֵל הָאט נִיט גֶעאֶנְטְווָערְט. דְבָאשֶׁע הָאט אִיהם פֶערְוואוּנְדֶערְט אָנְגֶעקוּקְט. עָפֶּעס אוֹיפְן גֶעדאנְקֶען אִיז אִיהר אַרוֹיף, אַז יוּנְגֶע לַייט מִיט קוּרְצֶע בְּגָדִים אוּנ פֵּאוֹת דַאבְנֶען נִיט, אוּנ אִיהר אִיז גֶעפֶאלְלֶען גֶעוָוארֶען, פוּר-פְּלַאט, צוּ סַאבֶען דִי שַׁאֲלָה: — אוּנ מַעֲרִיב ווֶעסְטוּ גֵעהְן דַאבְנֶען?

— נַיין, מַאמוּנְיָא, אִיךְ בִּין מִיעֶד.

— ווָאס רֶעדְסְטוּ?.. ס'אִיז דָאךְ אַ-נְ-עֲבֵירָה פַאר גָאטְט אוּנ מִאוּס פַאר לַייטֶען!

מִיכָאֵל הָאט זַיין פְּארְט-סִיגַאר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען, דְבָאשֶׁע הָאט אָן מַעֲרִיב גָאר פֶערְגֶעסֶען. דער פָּארְט-סִיגַאר הָאט אִיהר פֶערְנוּמֶען אוּנ הָאט זִיך אַ חַאפּ גֶעטְהָאן:

— ווָאס קָאסְט עֶס, אָט דָאס שֵׁאהן פּוּשְׁקֶעלֶע?

— ווָאלְווֶעל. צְוַויי רוּבֶּעל.

דוואשע

דְבָאשָׁע הָאט אִיהם פֶערְוואוּנְדֶערְט אָנְגֶעקוּקְט, ווי אַזוי רוּפְט עֶר עֶס אָן וָואלְוֶועל. מִיט אַמָאל הָאט זִי דִי אוֹיגֶען צוּם קְטֶעלֶיע פֶערְרִיסְסָען אוּנ אוֹיף דִי פִינְגֶער גֶעצֵיאהְלְט: —

— צְווֵיי אוּנ דְרַיי אוּנ דְרַייסִיג – אִיז פִינְפוּנְדְרַייסִיג אוּנ פוּפְצָעהְן מִיט צְווֵיי-זִיבְּעצָעהְן. פִיפוּנְדְרַייסִיג מִיט זִיבְּעצָעהְן אִיז ···· צְווֵיי אוּנ פוּפְצִיג, אַ יָא, מִיכָאֵל?

— יָא, וָואס רָעכֶענְסְטוּ דוּ, מוּטֶער?

— אִיךְ רָעכֶען וָואס גֶעלְד דִיר אִיז אַוֶועק. אֶפְשַׁר אַ רוּבָּל הוּנְדֶערְט וָועט זִיךְ אוֹיפְקְלַייבִּין!..

— אִיךְ וָועל זִיךְ אַ בִּיסֶעל דוּרְךְ גַעהְן.

— שְׁפַּאצִירָען? וואוּ וֶועסְטוּ גַעהְן? אָט אִיז פֶעלְדֶער, וָואלְדֶער אוּנ גָאר ···· — נוּא, וָועל אִיךְ גַעהְן אִין פֶעלְד.

— אַז בְּהֵמוֹת גַעהְן אִין פֶעלְד, הָאבּ אִיךְ יָא גֶעהֶערְט, אָבֶּער נִיט מֶענְשֶׁען ···· זָאגְסְט דָאךְ אַז דוּ בִּינְסְט מִיעד?

— אִיךְ גַעה, מַאמוּנֶיא. — הָאט עֶר אִיהְר גֶענָאגְט אוּנ אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ.

„מַעֲרִיב גֶעהְן דַאבְנֶען אִיז עֶר פֶערְמַאטֶערְט אוּנ שְׁפַּאצִירָען — נִיט ···· דָאס אִיז מִיכָאֵל? אָי וֵועה אִיז מִיר ···· "

3.

וָוען מִיכָאֵל אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אִיז שׁוֹין רָעכְט פִינְסְטֶער גֶעוֶוענֶען אוּנ אַ זִידֶענְדֶער סַאמָאוַואר אִיז אוֹיפְ'ן טִישׁ גֶעשְׁטַאנֶען. — וואוּ בִּינְסְטוּ דָאס גֶעוֶוען? — הָאט אִיהְם דִי מוּטֶער פֶערְדְרִיסְלִיךְ גֶעפְרָאגְט.

— אִיךְ בִּין אִין פֶעלְד, אִין וואלְד אַרוּם גֶעלָאפֶען אַייךְ זוּכֶען-נִיטָא אוּנ נִיטָא. הָאט תַּנָה'לֶע גֶענָאגְט, נִיט נואַרְטֶעגְדִיג,

וואס

וָואס עֶר וֶועט אֶנְטְוֶוערְן. - אוּנ דָא וַוארְט מֶען אוֹיף אַייךְ
מִיט מְהַייא.

– אוּמְזָאנְסְט. אִיךְ הָאבּ אָקְארְשְׁט בַּיי בֶּערְלֶען טְהֵעע
גֶעטְרוּנְקֶען. — בַּיים שַׁמָשׁ? הָאט דְבאשֶׁע גֶעפְרֶאגְט.

– יָא. שְׁפַּאצִירֶענְדִיג בִּין אִיךְ צוּ אִיהְם פֶערְגַאנְגֶען.

– אוּנ מִיר נארְרֶען, זִיצֶען אוּנ וַוארְטֶען אוֹיף אִיהְם.
מִישְׁט קָשֶׁה פוּן אַ-נְ-אָרְט גֶעפוּנֶען....

– נָא, וָואס פַאר אַ בֵּאז? ר' בֶּער אִיז זֶע דָאךְ מַיינֶער
אַ רָבִּי גֶעוֶוען.

–דִי מַאמֶע אִיז גֶערֶעכְט, הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע אוּמְוֶוערְדְנֶעט,–
עֶס פַּאסְט נִיט.

– דִי גְמָרָא וִויל הָאבֶּען, אַז דֶעם, פוּן וֶועמֶען מֶען
הָאט זִיךְ אֲפִילוּ אֵיין אוֹת גֶעלֶהֶערְנְט, בְּרוֹיךְ מֶען אוֹיךְ כָּבוֹד
אָב גֶעבֶּען. — הָאט מִיכָאֵל אִירַאנִישׁ גֶעזָאגְט.

ר' שְׁלֹמֹה'לֶע אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטִילְל.

– אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה נִיט, וָואס אִיהְר הָאט גֶעגֶען דֶעם
אַלְטֶען בֶּערְלֶען, – הָאט מִיכָאֵל וַוייטֶער גֶערֶעדְט, הַאלְבּ
פֶערְדְרִיסְלִיךְ. — עֶר אִיז אַ-נְ-אַלְטֶער מאנְן, אוּנ דִי תּוֹרָה
זָאגְט, אַז פַאר אַ-נְ-אַלְטֶען קְרִיסְט דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶעלֶען
—עֶס הֵייסְט, כָּבוֹד אָב גֶעבֶּען. דאצוּ אִיז עֶר מַיינֶער אַ רָבִּי,
אוּנ, וְעַל כּוּלָם, הָאבּ אִיךְ מִיט זַיין עֶלְקֶעלֶען זֶעהְר גוּט
צוּ-גֶעבְּרַאכְט.

– וֶועלְכֶע עֶלְקֶעלֶע?! הָאבֶּען דֶער רָב מִיט דִי רָבִּיצְן
אִין אֵיין קוֹל גֶעפְרֶאגְט, אוּנ אוּיס גֶעשְׁטֶעהְלְט אוֹיף אִיהְם דִי
אוֹיגֶען – דִי אֶהְרֶען הָאבֶּען זַיי נִיט גֶעגְלוֹיבְּט.

– ווִי דֶען רוּפְט מֶען זַיין טָאכְטֶער? דוּכְט זִיךְ עֶלְקֶע –
זִי אִיז אַ וַואהְל קִינְד.

– ווי קומסט עס אָבער צו דיר, זוהנעלע, קוקען אויף מיידלאך און ריידען מיט אַ חֻצפּה!.. — האָט דוואָשע זיך צו שריהען. – דו בינסט זיך דאך אַ רב!.. – אין אמת'ן, מיכאל. — האָט ר' שלמה'לע אָהן וואָרטער צו געבאמקעט.

– דער פאר וואס זי איז אַ-נ-אַדעל קינד, איז זי אַ חֻצפּה? – האָט מיכאל מיט פערדרוס געזאגט.– עס וואלט שאַהנער געוועזן, אַז חנה'לע זאל אויך זיין געבילדעט.

מיר האָבען דאס גאר ניט געוואוסט, אַז דעם שמש טאכטער איז אַזאַ געבאַלבעטע און געפאַללט דיר מעהר ווי די שוועסטער. – האָט דוואָשע מיט אַ מַענה-לשון שטימע געזאגט. – מאנסט זיבער זיין פון דעסטוועגען, אַז חנה'לע וועט אַ שאַהנערען חתן געהמען. דיין אַלטערע שוועסטער איז אויך אַ פראסט ווייביל און האט אַ מאַנן, וואס דיין עלקעלע וועט ניט דער אַרען אַזעלכען צו האבען....

– גענוג אייך שוין פערהאַרען זיך! – האָט ר' שלמה'לע אַנגעשריהען, זעהענדיג, אַז מיכאל'ן אַרגערען איהרע רייד.

מיט דעם האָט זיך די בעסיעדע געענדיגט.

אַבטאג מיט פערשידענע סצענעס זיינען ביים רב אין הויז אַריבער. מיכאל'ן איז דאס אַלטערענס הויז אונערטראגליך שווער געוואָרען. ער האָט געזעהען, אַז זיי קוקען מיט אַנדערע אויגען אויף זיין וועלט, און דאדורך איז ער ביי בעריל געבעס, ריכטיגער געזאגט, ביי עלקעלען, איין אָפטער גאסט געוואָרען, זי האָט איהם אויסגעזעהן פאר דאס איינציגעס לעבענדעס וועזען אין דאס טאדטע שטאָדטעל. די שאַהנע עלקעלע מיט איהר ליעבען, פראהליכען בענעהמען האָט איהם שטאַרק פעראינטערעסירט.

פערשטעהט

פֿערשטעהם זיך, אַז טרוסישקער ווייבער האָבען זיך איבער דעם שטארק געסודע׳ט און אַ סך געלאָמרט.

קיינער האָט זיך אפילו ניט אונטערגעשטעהלט דבאשען עס צו פֿערציילען, און דאָך האָט זי עס געפֿיהלט.

— שיק אַ שדכן צו ר׳ יחיאל׳ן, זאג איך דיר, שלמה. — האָט זי איין טאג דעם רב מיט רחמנות געבעטען.

— וואס איז די פעולה, ער וועט זי ניט וועללען. — האָט ער געזאגט. — די מיידיל איז אַ-ן-אַלטע, אַריבער דרייסיג, דער צו אַ מאוסקייט...

— האָרסטו! אַ רב קוקט אויך אויף מיידלאך!.. באלד וועל איך דיר, אפשר, אויך ניט געפֿאללען... רייד איהם איין. דו ביסט זיך אַ טאטע. פֿאַרזאג בערלען מיט אַ האָרבען וואָרט, אַז ער זאל זיין ימח-שמוניצע אויפֿהאלטען... אַ קלאג, וואו איז עס געהערט געוואָרען! אַ בחור אַ רב זאל צו טאטע-מאמע, אין פֿיער יאָהר אַמאָל, צו נאָכט קומען — לסוף, זיצט ניט איין אין שטוב און אַלץ ביי איהר... איך וועל איהר, זאג איך דיר, די טרפה׳נע צורה אויסקאַצשען!

— זי קומט דאָך ניט צו איהם. — האָט ר׳ שלמה׳לע די עולה גיט געקאנט פֿערליידען.

— אזוי?! זי איז גערעכט, ננו...

דעם זעלבען טאג האָט דבאשע צו מיכאלן בזה הלשון געזאגט: — געדענקסט, מיין קינד, איך האָב דיר געפֿראגט, אויב דו קלאהרסט וועגען אַ שדוך?

— איך געדאנק, מוטערל; גא איז וואס?

— וויל איך יעצט טאקי מיט דיר וועגען דעם ריידען. איך האָב פֿאר דיר אַ כלה. ר׳ יחיאל דעם גבירס טאכטער — אַ מיידיל מיט פֿינף טויזענד רובל נדן — דו האָרסט, פֿינף טויזענד! ר׳ יחיאל איז בעקאנט מיט אַ וועלט, ער וועט דיר די בעסטע רבנות שאפֿין, דו וועסט גאנגען דיין שוועסטער

טעט

נופס מאכן, אַת אונז אויך אויף די אַלטע יאָהרען...

— איך האָב שוין אַ כּלה — עלקעלען.

— וועה!.. דו האָרסט, שלמה?.. שלמה, טויב זאָלסטו ווערען, דו האָרדרסט?! — וואס? ווער? — האָט ר' שלמה'לע ניט טאָרט ניט לעבענדיג, זיך אַהאָפּ געטהאן.

— אַ קלאָג איז מיר אַ נרזיסע!.. פער'סם'ט האָבען זיי מיר מיין קינד! די חצופה, די-די-די... איך חלש! איך בּלייב!!! נאר דבאשע האָט אַ שטאַרקען נאַטור געהאַט. זי האָט ניט גע'חלש'ט.... — מיכאַל, זעה וואס דו טוהסט!!

— האָט ר' שלמה'לע צו שראַקין געשריהען.

— איך פערשטעה ניט, טאַטוניא, וואס איז אייך די נפקא-מינא, ווען איך זאָל האָבען פּאָר אַ כּלה ר' יחיאלס אָדער ר' בערילס טאָכטער. אויף אַזא זאַך, דוכט מיר, אַז איהר דאַרפט מיר קיין דעה זאָגען. עלקע איז אַ-נ-אָרענטליכע, קלוגע, געלעהרנטע אונ געזונדטע מיידיל, אונ איך וויל מיר צו איהר שדכענען.

— האָסטו זיך נאָך ניט געשדכענט! — האָט דבאשע ווידער פרעהליך געזאָגט. — געלויבט איז גאָט! זעה, פּאָלג מיר, זוהניניקע. דעם שמש טאָכטער. אַרעמע לייט — זעה הרגע מיר ניט.... בעסער געהם רבקה, יחיאלס טאָכטער, פּאָר אַ כּלה. — אַזא וויכטיגע זאַך, ווי אַ שדוך, קאָנן מען אַזוי גיך ניט בערעכענען. — וואס אֶמת איז אֶמת — האָט ר' שלמה'לע מסכים געווען.

— יאָ. נאָר צו וואס איז די ישוב-הדעת'ן. — האָט דבאשע געשמייכעלט. ווייסטו וואס, שלמה, ווייסטו וואס? זאָל מיכאלע צו מהלה'ן אַריבער פאָהרען. דאָרט וועט ער זיך דעם שום פון קאָפּ אַרויס שלאָגען אונ וועט קאָנען, צו זאַמען מיט אונזער געצלען, ער איז דאָך אַ חכם, וועגען אַ שדוך בעטראַכטען.

דְבָאשֶׁע הָאט בְּכִּיוְן גֶעוָואלְט, אַז מִיכָאֵל זָאל אָבְּפָּאהְרֶען. דֶערְוַויל וֶועט זִי וָואס טָאהְן, אַז עֶלְקָע זָאל אָבְּפָּאהְרֶען; אוּנ ווִי עֶרְפְרֵייט אִיז זִי גֶעוָוארֶען, אַז זִי הָאט פוּן מִיכָאֵל׳ן דֶער־הָארְט, אַז עֶר פָּאהְרְט.

מִיכָאֵל׳ן הָאט זִיךְ שׁוֹין דָאס אֶלְטֶערֶענְס הוֹיז מִיט דִי ווִילְדֶע כְּצֶענֶעס אִין הַאלְז גֶעשְׁטֶעהְלְט. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף מָארְגֶען מִיט עֶלְקֶעלֶען גֶעזֶעהְן אוּנ זִיךְ צוּ דֶער נְסִיעָה פֶערְטִיג גֶעמַאכְט.

4.

פַארְ׳ן נַאכְט אִיז מִיכָאֵל אִין גְלִינְקִישָׁאק גֶעקוּמֶען אוּנ צוּם שְׁוָואגֶערְס קְרֶעטְשְׁמֶע צוּ־גֶעפָּאהְרֶען. אוֹיפְ׳ן גַאנֶעק אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפֶען אַ פוּנַאנְדֶערְגֶענָאסֶענֶע, נִידֶערִיגֶע פְרוֹי, אִין אַ קְרִיטָאנֶענֶע אוּנְטֶערְגֶעקַאשֶׁערְטֶע קְלֵיידִיל, מִיט פֶער־קַאטְשֶׁערְטֶע אַרְבֶּעל.

מִיכָאֵל הָאט אִיהְר שׁוֹין גֶעווֶאלְט פְרֶאגֶען, אוֹיבּ דִי שְׁוֶועסְטֶער אוּנ שְׁוָואגֶער זַיינֶען צוּ־הוֹיז — עֶר הָאט זִי פַאר אַדִיהְנִ׳יט אָנְגֶענוּמֶען — עֶרְשְׁט זִי גִיבְּט אַ פַּאטְשׁ מִיט דִי הָאנְד, לוֹיפְט צוּ צוּם וָואגִין, אוּנ שְׁרֵייט אוֹיס:

— דָאס בִּינְסְטוּ, בְּרוּדֶערְ׳ל, מִיכָאֵל!.. אִיךְ זָאג גֶעצְלֶען: דוּכְט זִיךְ, מִיכָאֵל!; עֶר - נֵיין! אוּנ אִיךְ הָאבּ בַּאלְז דֶעם טְרוּסִישְׁקֶער פֶערְד דֶערְקָאנְנְט; נַא - טְרַאכְט אִיךְ, נִיט אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז מִיכָאֵל.

אוּנ אֵיידֶער מִיכָאֵל הָאט נָאךְ דֶער שְׁוֶועסְטֶערְס לָאנִיקֶע נֶעהַאט בֶּעקְלֶאהְרְט, אִיז מַחְלָה שׁוֹין בַּיי אִיהְם אוֹיפְן הַאלְז גֶעהַאנְגֶען, הָאט אִיהְם כִּמְעַט אַרוֹיס גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן וָואגִין אוּנ אִין שְׁטוּבּ גֶעפִיהְרְט.

אַנְטְקֶעגֶען אִיז אַרוֹיס אַ הֵאכֶער גֶעלֶער מֶענְשׁ אִין אַיְארְמֶעלְקֶע אַלַאנְגֶען, קָארְטֶענֶעם טַלִית־קָטָן אוּנ לַיינְוֶוענְטֶענֶע אוּנטערהאזען

אונטערהאָנען; מיטן טלית-קטן האָט ער די נאַז און ליפּען אָבגעווישט, אָבגעשטעקט מיכאֵל'ן אַ ברייטען שלום-עליכם און זיך שטאַרק צו קושט.

גלייך נאָך דעם האָט מחלה דאָס וועצשערע דערלאַנגט, און אונטער די קרובים האָט זיך פערנומען אַ מין שמועס פון די סאָרטען, וועלכע מיכאֵל האָט ביי זיינע אַלטערן געהאָרט. ער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט.

אַז מען האָט זיך געזעצט עסען האָט מחלה געזאָגט:

— מיכאֵל, טהוא אויס דיין בגד.

— פאַר וואָס? — האָט ער פערוואונדערט געפרעגט.

מיכאֵל האָט זיך ענטזאַגט צו טאָהן די שוועסטערס רצון; נאָר ער האָט געמוזט איהר דערצאָהלען ווען, ווי, וואו און פאַר וויפיעל ער האָט דעם ראָק געקויפט, און דער ספור איז מיט דאָס גראָסטע אויפמערקזאַמקייט און בעוואונדערונג אויס געהאָרט געוואָרען. — אין טרוסקישאַק האָט מען שוין דעם הייא אַראָב גענומען? — האָט איהם געציל געפרעגט. — דוכט זיך אַז יא. — איז מיכאֵל'ן איינגעפאַלען צו ענטווערן.

— ביי אונז איז עס אַ צרה, האָט מחלה געזיפצעט. — די הייא בעט זיך אַראָב צו נעהמען און ס'איז ניטאָ מיט וועמען — זאָלבע נאַנד, וואָס מאַכט מען? דער בויער איז ביי אונז ווילד; שכור'ן איז ער מעהר בעל'ן, ווי צו געהן טאָהן....

— אָט מיכאֵל וועט אונז העלפין! — האָט געציל מיט אַ חנעוודיגען שמייכיל געזאָגט.

—אַך, פאַר וואָס ניט? האָט מיכאֵל אָהאָטע געאַנטוועט.

— געה שוין, געה!.. דער רעדט און דער אַנטוועט. דאָס פּאַסט פאַר דיר—ניט פאַר מיכאֵל'ן. אַ רב איז ניט אַ בויער..

— וואָס איז? איך וועל העלפין ווי איך קאָן.

—אַי, לאָז צו רוה, מיכאֵל. וואָס האָט עס פאַר אַ פּנים?.. אז'יך מיר אַ רב מחלה'ס ברודער — וועט מען זאָגען. ניין, ניין! איך וועל ניט דערלאָזען.

וואס אארט דיר. האט געציל צו זיין פלונית געזאגט.

— אז ער וואלט ניט וועלען, איז וואס אנדערס, איצט.... ביי די שטאדטיגע איז עס א גאנצער פערגעניגען!.. נאר איך גאטה איהם ניט.

— א דאנק דיר, מיין חכם, וואס דו גאהסט איהם ניט, האט מחלה ברוגז געזאגט. — ער איז זיך עפעס דיין גלייכען... עס איז נאר איבריג, וואס דו האסט עס פאר'ן מויל געבראכט.

גענוג אייך זיך צו קריגען, האט מיכאל לאכענדיג געזאגט. — איך וועל אייך ביידען פערזאהנען — איך וועל אייך העלפען, אונ מיין ארבעט וועט געווים ניט טייגען....

געציל האט ניט געאנטווערט אונ נאר א מאך געטהאן מיט'ן האנד. — אויף מארגען איז די פאר פאלן, מיט טאג צוגלייך, אויף די פים געוועזן. מיכאל איז אויך אויפגעשטאנען. אלע האבען זיך געקליעבען אין פעלד אריין: אי געציל, אי מחלה אונ אויך אפאר בויערטעס.

מיכאל איז אויך מיט געגאנגען. — ניט קוקענדיג אויף דאס שוועסטערס אונצופרידענהייט, האט ער זיך גענומען, מיט חשק, די הייא צו טרייסלען אונ לייגין אויף די וואגען.

צו מיטטאג האט מען זיך אהיים געקעהרט. אויפ'ן טיש איז באלד אוועק געשטעלט געווארען א גרויסע שיסעל מיט צוברעקעלטע בוריקעס, אוגערקעס אונ מיט ברויט־קוואס אנ־געגאסען. דאביי האט זיך אוועקגעשטעלט די שיסעלס א טאכטער — עס הייסט א קלענערע שיסעל מיט רעצשענע קאשע מיט מילך. — ווארום עסטו ניט, מיכאל? האט איהם מחלה געפרעגט, זעהענדיג, אז ער פערזוכט ניט. — ד'לעבען, די בוריקלעך מיט די קאשע איז א מאכל....

— איהר האט עפעס עופות? — האט ער געפרעגט.

— גאט צו דאנקען. מיר האבען עופות א סך. — האט מחלה געאנטווערט. — וואלט איך דיר בעטין, שוועסטערל,

חיים

הײם קוילען אַ־נ־עוף. — װאָס רעדסטו, מיכאַל? עס איז דאָך די ניין טאָג — האָסט זיך פֿערגעסען?....

— װאָס איז, אַז ניין טאָג. עוף טאָג מען עסען.

— דאָס האָב איך גאָר ניט געטראַכט. װאָלסט נעװעזען אַבי װער, נאַ.... אָבער אַ רב׳ס אַ זוהן! ניין, איך װעל דיר ניט קאָכען קיין פֿליישיגס.

— װאָס האָט עס צו דיר, מיין צדקניות? האָט געציל געזאָגט. — מסתמא װייס ער, אַז מע מאָג, הײם קוילען אַ הון.

— נאַ. זאָל זיין. מען דאַרף ניט. — האָט מיכאַל געזאָגט. — געװיס, מיר װעלין דאָך אַ־נ־עבירה האָבען.

ביי דעם איז געבליבען. מיכאַל האָט געבעטען אַנלאָז מילך. געציל מיט מחלה׳ן מיט די בױערטעס זײנען צוריק אין פֿעלד געגאַנגען, אונ מיכאַל איז אין שטוב פֿערבליבען אָב צו רוהען. — איך מיין, האָט געציל געזאָגט, זיצענדיג מיט׳ן שװאָגער נאָך װעצשערע אין גאָרטען, װעלכער איז אַרום שטוב געװעזען, — אַז איהר װעט איצט אַ שדוך טאָהן.

— פֿאַר װאָס מיינט איהר דאָס, געציל?

— פֿאַר װאָס, פֿרעגט איר? שוין צייט. װי אַלט זייט איר?

— דריי אונ צװאַנציג יאָהר. נאַ, איז װאָס?

אונטער דעסען איז מחלה אויך אין גאָרטען אַריין. זי האָט דעם שמועס אונטער געהערט.

— טראַכסט שוין אָפּשר חתונה צו האָבען, מיכאַל? — האָט זי געפֿרעגט — איך האָב פֿאַר דיר אַ גוטען שדוך.

—איך האָב שוין אַ כלה.—האָט איר מיכאַל קאַלט געענטװערט.

— איך װעל טרעפֿען. — האָט מחלה שמייכלענדיג געזאָגט. — ר׳ יחיאל געקעס טאָכטער!

— װאָס איז דװקא יחיאלס טאָכטער? האָט מיכאַל שוין מיט כּעס געזאָגט - איהם האָט געשיינט, אַז די אַלטערען אונ די שװעסטער אונ שװאָגער האָבען זיך אויפגערעדט, אַז

ער זאל דוקא מיט יחיאלס טאכטער חתונה האבען.

– ווייל דער פאטער גיט איהר א סך נדן.

– אפשר דארף איך קיין נדן ניט?

– ווי הייסט, איהר דארפט ניט, האט געציל פער־וואונדערט געפרעגט.—געלד קוסט, דוכט מיר, גוט צו נוטץ. אז מיר האבען ווייניג געלד, לעבען מיר ווי בויערען.

– צו וואס האסטו געלעהרענט, אז ניט געהטען א רייכע כלה?–האט מחלה איהר קלאין-קשיא אוועקגעטאהן.

– איך האב געלעהרענט בכדי איך זאל קיין געלד ניט דארפען. צו מיינע עסקים דארף איך קיין געלד.

– זאג-זשע מיר האטשע, ווער איז דיין כלה, האט זיך מחלה געבעטען.–איך קאנן זי ניט? — דו קאנסט איהר יא, עלקעלע דעם שמש טאכטער·····—דו זאגסט עס, מיכאל, אין אמת'ן? — האט זי פערוואונדערט אונ דערשראקען איהם געפרעגט. – וואס וואונדערסט דו דיר? — האט מיכאל אויך געפרעגט, אונ געקוקט געצלען אין געזיכט, וואס ער וועט דערויף זאגען. נאר געציל האט איהם אויך, מיט אויס־געטאראשצעטע אויגען, פערוואונדערט אנגעקוקט. קענטיג געוועזען, אז איהם האט אויך די ארעמע כלה ניט געשמעקט.

– גאט, מיין גאט! האט שוין מחלה אויסגעשריהען.— א חרפה בנאמנות צו הארען. בעריל דעם שמש טאכטער — אט איז גוט צו הארען. זי האט דאך א גראשען נדן ניט. דו אליין וועסט דאך דארפען איהר א קליידיל מאכען.

— איך האב עס פון דיר, מחלה, ניט גערעכענט צו הארען.–האט מיכאל מיט פערדרוס געזאגט, ווי הייסט טאהן א שדוך צו ליב געלד? – אונ ווער טהוט עס היינט א שדוך אהן געלד? – האט געציל געפרעגט מיכאל'ן אונ אנגעקוקט איהם, ווי אמשוגענעם. — אט איך וועל טאהן א שדוך ניט צוליב געלד, נאר צוליב א מענשין····

—דו דערהרגעסט אונז, מיכאל! קוילעסט אונז אלעמען!— האט מחלה, ניט מיט איהר קול געשריהען. — דעם טאטען, די מאמען, מיר, אלעמען — אלעמען מאכסטו דעם טאדט!.. אויף חנה'לען א רחמנות. זי האט געהאט: א ברודער א רב, וועט חתונה האבען און, מאבטייסע, וועט איהר אויך העלפען. איצט···וועה איז מיר.

מיכאל'ן האט ביים הערצען גענומען.

— בערוהיג זיך, מחלה, האט ער מיט גוטען געזאגט.— די זאך איז נאך ניט אבגעפרעסט ביי מיר. ריידען מאג מען. פאר די אלטערן וועל איך וואס טאהן. חנה'לען וועל איך ניט פערלאזען, נאר חתונה האבען דארף איך, אונ וועל נעהמען די כלה, וועלכע איך וועל וועלען····

— וואס זאל איך אייך זאגען, מיכאל — פאר א רב פאסט עס ניט.

— אפשר אויך. נאר דער ווייל האלט ניט ביי דעם, אונ איך טהוא נאך קיין שדוך.

געציל מיט מחלה'ן האבען זיך עטוואס בערוהיגט.

5.

— האסטו זיך עפעס גוט געהאשצעט? — האט דבאשע געפרעגט מיכאל'ן, ווען ער איז פון די קינדער געקומען.

מיכאל האט דערצעהלט אין דער גיך, אז מחלה מיט'ן מאנן זיינען געזונד, אונ געריסען טויזענד מאל דעם טאטען מיט די מאמען מיט חנה'לען. ער האט געמיינט, ער וועט, מיט דעם, פטור ווערען פון פערשיעדענע שאלות. ערשט, מען האט איהם געבען סאמאוואר אוועק געזעצט,

און אַלֶע מִיט אַ מָאל הָאבֶּען אִיהְם פוּנַאנְדֶער גֶעפְרָאגְט.

אַ סַךְ שַׁאֲלוֹת הָאבֶּען מִיכָאֵלְ'ן אָבְּגֶעשְׁטָעלְט, און הָאט גֶעמוּזְט אֶנְטְוָוערֶען דֶעם אֵיין תִּירוּץ „אִיךְ וַויים נִיט.“

— אַט דֶעם בְּרוּינֶעם פֶערְד, וָועלְכֶער הָאט זִיךְ פֶערְנַארָאוָועט, הָאבֶּען זַיי פֶערְקוֹיפְט?—הָאט חַנָה'לֶע גֶעפְרָאגְט.

—זָעהְסְט, ווִי זִי גֶעדֶענְקְט!— הָאט דְבָאשָׁע גֶעשְׁמַייכֶלְט.

— אִיךְ וַויים נִיט, אוֹיב זַיי הָאבֶּען גֶעהַאט אַ פֶערְד נַארָאוָועט פֶערְד. — נָא, און קִיה הָאבֶּען זַיי צְוַויי אָדֶער דְרַייז הָאט דְבָאשָׁע גֶעפְרָאגְט. — ווְיָאסְנֶע הָאבֶּען זַיי גֶארֶערְט צוּ קוֹיפֶען נָאךְ אַ קִיהֶלֶע ····

— אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעזֶעהְן, דוּכְט זִיךְ, מַחְלָה הָאט גֶעזָאגְט, אַז דְרַיי. — אַ שְׁאַדֶען, וָואס דוּ וַוייסְט נִיט, הָאט זִי אוּמֶעטִיג גֶעזָאגְט. — נָא, און צִיגֶען הָאבֶּען זַייא עֶפֶּעס? וַוייסְט אוֹיךְ נִיט מִסְתָּמָא ···· און גֶענְז וָועלֶען זַיי שְׁפַּייזֶען? ····

— זַיי הָאבֶּען מִיר נִיט גֶעזָאגְט. — הָאט מִיכָאֵל פֶערְלָארֶען גֶעאֶנְטְוָוערְט,

— און דֶער פָּארְטְרֶעט מִיטְ'ן הַאבֶּען סַאנְסְבִּיל, מִיטְ'ן לַאנְגֶען שְׁטֶעקֶען, מִיט הָארְנֶער אוֹיפְ'ן קָאפּ, אַ בָּארְפוּסֶער אַיינְגֶעהִילֶעט אִין אַ גְרוֹיסֶע פְלַאכְטֶע, הַיינְגְט נָאךְ בַּיי זַיי אוֹיפְ'ן וַואנְד? ···· הָאט חַנָה'לֶע גֶעפְרָאגְט.

מֶען קָאנְן פֶערְשְׁטֵעהְן, ווִי מִיכָאֵל הָאט אִיהְר אוֹיף דֶער שַׁאֲלָה אָנְגֶעקוּקְט.

— זָעה, שְׁלֹמה, וָועסְעֶן מַיינְט זִי דָאס? הָאט דְבָאשָׁע צְשֶׁעקַאוָוע גֶעפְרָאגְט. — הַא ···· משֶׁה רַבֵּנוּ, אַ וַודַאי! ····

— יַא, טַאקִי משֶׁה רַבֵּנוּ. זָעהְסְט, ווִי זִי גֶעדֶענְקְט. זָעהְסְטוּ, מִיכָאֵל, זִי ווָאלְט לֶעהְרְנֶען, וָואלְט זִי מֶעהְר ווִי

רעם

רְעם שַׁבָּ֫שׁ פָּאכְבֶּער גֶעקָאנְגֶען ···· נָאר וָואס אִיז מִיט דִּי גֶעלְד? ···· יָא דוּ הָאסְט גֶעוָאנְט, דוּ וַוייסְט נִיט. אַךְ, וְויא אַזוֹי הָאבֶּען זַיי דָאס דִיר נִיט גֶעזָאגְט? פָאר אַ יָאהְרֶען הָאבֶּען מִיר גֶעזֶעצְט אוּנ גֶעשִׁיקְט זַיי גְרִיבֶּענֶעס. מִיר הָאבֶּען נָאךְ רֶענְטָאלְט אָבְּגֶערֶעדְט, אַז אִיבֶּער אַ יָאהְר זָאלֶען זַיי זֶעצֶען גֶענְז אוּנ אוּנְז גְרִיבֶּענֶעס שִׁיקֶען ··· שְׁטֵייטְשׁ, אִיךְ וָואלְט וִויסֶען, וָואלְט אִיךְ דִיר בֶּעטֶען, אַלְץ אוֹיף אַ פַּאפִּירֶעלֶע אוֹיפְשְׁרַייבֶּען ···· אַ מֶענְשׁ! גֶעפָאהְרֶען, אוּנ וָואס, נָאר נִיט. דִּי וַוייָנֶען אוֹיךְ גוּטֶע קִינְדֶער — גִישְׁט קָשֶׁה!

דֶער פָאטֶער, פוּן זַיינֶער זַייטֶע, הָאט אוֹיךְ אַ סַךְ זַאכֶען גֶעפְרָאנְט, אוּנ מִיכָאֵל הָאט נִיט גֶעוואוּסְט, וָואס צוּ אֶנְטְוָוערֶען. ר׳ שְׁלֹמֹה׳לֶע הָאט גֶעוָואלְט וִויסֶען, אַ שְׁטֵיינֶער, צוּ אִיז גֶעצִיל עֶפֶּעס תַּקִּיף בַּיים פְּרִיץ, צוּ הָאט עֶר אַ-נָ-אוֹיג בַּיים רַב. וָוער אִיז דֶער גַבַּאי אִין גְרִינְקִישָׁאק. פִּיעֶל הָאט דָארְט דֶער רַב שְׁכִירוּת, וּכְּדוֹמֶה שַׁאֲלוֹת, אוֹיף וָועלְכֶע עֶר הָאט פוּן מִיכָאֵלְ׳ן בֶּעקוּמֶען דֶעם אֵיין אֶנְטְוָוער-אִיךְ וַויים נִיט.

ר׳ שְׁלֹמֹה הָאט גֶעשָׁאקֶעלְט מִיטְ׳ן קָאפּ. „אָט אִיז אַ וָועלְט״ —הָאט עֶר בַּיי זִיךְ גֶעטְרַאכְט — „אִין מַיין צַייט, הָאט מִיר אַלֶס גֶעוָואלְט זִיךְ וִויסֶען, אוּנ אִיצְט אִיז נָאר אַנְדֶערְשׁ. פְּרַאנְצֵייז מִיט זִינְגֶען הָארֶען פוּן בֶּערִילֶס פָאכְטֶער אִיז רֶעכְט, אוּנ וָועלְטְלִיכֶע זַאכֶען נִיט״.

אוּנ דֶער רַב מִיט דִּי רַבִּינֶן וַוייֶנֶען וָועהר פֶּערְקְלֶעמְט גֶעזֶעסֶען.

נָאר מִיט אַמָאל הָאט זִיךְ מִיכָאֵל דֶערְמָאנְט, אַז גֶעצִיל הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען אַ בְּרִיעֶף צוּ דִי אֶלְטֶערֶען. מִיט דֶעם בְּרִיעֶף הָאט זִיךְ אִיהְם אַיינְגֶעגֶעבֶּען צוּ טְרַייסְטֶען דִי אַלְטֶע

ליט אויף אַ קורְצֶע צייט. זיי הָאבֶּען זיך שְׁטאַרק דֶערְפְרֵייט.

דער רָב הָאט גֶעדְרֵעהְט דָעם קָאנְוֶועְרְט אין הַאנְד אונ דָערְלַאנְגְט דִי רַבִּיצְן. זי הָאט דָעם בְּרִיעֶף חַנָה'לֶען אָבְּגֶעגֶעבֶּען.

– גִיעֶב אַהֶער, מִיר וֶועלֶען זֶעהְן, וָואס שְׁרַייבֶּען זֵיי דָארְטֶען, הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע גֶעזָאגְט.

— נֵיין, שְׁלֹמֹה, מָארְגֶען וֶועלֶען מִיר לֵייעֶנֶען, הָאט דְבָאשֶׁע גֶעזָאגְט. – סְ'אִיז שׁוֹין פִינְסְטֶער. אַ לִיכְט אָנְצִינְדֶען אִיז אַ שָׁאדֶען.

מִיכָאֵל הָאט זִיךְ גָאר נִיט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, וָואס פַאר אַיין אַיינְדְרוּק דֶער בְּרִיעֶף וֶועט, פוּן דָאס נַייעֶ, אוֹיף דִי אַלְטֶעֶרען מַאכֶען, אונ אוֹיף מָארְגֶען, אַז דִי מוּטֶער הָאט דֶעם בְּרִיעֶף דֶערְלַאנְגְט דֶעם פָאטֶער צוּם לֵייעֶנֶען, הָאט עֶר בֶּעצַייטֶען אִיהְם נִיט גֶעוָואלְט הֶארֶען, רֶעכֶענֶענְדִיג, אַז דֶער בְּרִיעֶף אִיז גֶעוִויס פוּל מִיט נַארָאוִויסְטֶע פֶערְד, מִיט קִיה, גֶענְז אונ אַנְדֶערֶע בְּהֵמוֹת ....

ר' שְׁלֹמֹה'לֶע הָאט אַרוֹיף גֶעצֵייגֶען זַיינֶע קֵיילֶעכְדִיגֶע זִילְבֶּערְנֶע בְּרִילֶען, בַּאמֶעלִיךְ דֶעם קָאנְוֶוערְט פוּנַאנְדֶער גֶעשְׁנִיטֶען, אַ בְּלָאז גֶעטָאהְן אִין אִיהְם, אַרוֹיס בֶּעקוּמֶען דֶעם בְּרִיעֶף, פוּנַאנְדֶער גֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ. דֶער בְּרִיעֶף אִיז גֶעוֶועֶן אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ גֶעשְׁרִיבֶּען, אונ דֶערוּם הָאט דֶער רָב גֶעקוּקְט דִי וָוארְטֶער אונ אִיבֶּער גֶעזֶעצְט פַאר דְבָאשֶׁען וָוארְט אִין וָוארְט:

„עֶס זָאל זַיין דִי זִיסְקַייט פוּן גָאט אוֹיף אֵייךְ, מַיין שְׁוֶוער דֶער טְהַייעֶרֶער, דֶער רָב, דֶער גָאוֹן, דֶער שֵׁאנְהַייט פוּן דוֹר. סִינַי דֶער בַּארְג סִינַי, אונ רַייסְט בֶּארְג, דָאס אִיז ר' שְׁלֹמֹה זַיין לִיכְט זָאל לַייכְטֶען, מִיט דִי פְרֵיד פוּן זַיין

פַאר

פָּאָר, דָאס אִיז מַיין שְׁווִיגֶער, דִי טְהַייעֶרֶע אוּנ דִי רֶעכְט־
פַארְטִיגֶע, דִי פְרוּמֶע אוּנ דִי צִדְקָנִיּוֹת, פוּן דִי טַייבֶּער אִין
גֶעצֶעלְט זָאל זִי זַיין גֶעבֶּענְטשְׁט דְבָאשֶׁע זָאל לֶעבֶּען. מִיט דִי
פְרִיד פוּן דִי בְּתוּלָה חַנָה זָאל לֶעבֶּען".

ר' שְׁלֹמֹה'לֶע הָאט זִיךְ מִיט אַ נֵאטְה שְׁוֵייס אָבּ גֶעגָאסֶען.
זִיךְ אָבּ גֶעווִישְׁט, אָבּ גֶערוּהְט אוּנ וַוייטֶער גֶעלֵייעֶנְט:

„דָאס עֶרְשְׁטֶע נַייעֶס אִיז דִי גֶעזוּנְד, וָוארוּם, אַ לוֹיבּ
צוּ גָאט, מִיר זַיינֶען גֶעזוּנְד. אַזוֹי זָאל גֶעבֶּען אוּנ אַזוֹי זָאל
מֶען הֶערֶען נָאט צוּ הָארֶען פוּן אַייךְ, וִוי דָאס".

„אִיהְר זָאלְט נִיט צֶארֶענֶען אוֹיף אוּנְז, וָואס נָאךְ אַ פוּלֶע
טְרַאכְטֶענֶעס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי מִיר, אַייעֶר אַיידֶעס אוּנ
אַייעֶר טָאכְטֶער מַחְתֶּה, אַז מִיר זָאלֶען אַייךְ טְרַייסְטֶען אִין
אַייעֶר טְרוֹיעֶר"....

בַּיי דִי וָוארְטֶער הָאט דְוָואשֶׁע אַ שְׁפְּרוּנְג גֶעטָאהְן אוּנ
פֶערְבְּרָאכֶען מִיט דִי הֶאנְד. ר' שְׁלֹמֹה אִיז פֶערְנוּמֶען גֶעוֶועזֶען
מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ הַמִלּוֹת אוּנ קַיין צַייט גֶעהַאט צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען,
וָואס מֶען שְׁרַייבְּט דָא. חַנֶה'לֶע הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאשְׁצֶעט דִי
אוֹיגֶען, אוּנ מִיכָאֵל הָאט גֶעמֵיינְט פָּשׁוּט, אַז דֶער פָאטֶער
זֶעצְט נִיט רֶעכְט אִיבֶּער, אָדֶער גֶעצִיל וַוייס נִיט, וָואס עֶר
שְׁרַייבְּט.

„דֶער בְּרָאךְ אִיז גְרוֹיס וִוי דֶער יַם — הָאט ר' שְׁלֹמֹה'לֶע
וַוייטֶער גֶעלֶעזֶען. — דֶער בְּרוּדֶער מִיכָאֵל אִיז וִוי אַ פֶּער־
בְּלָאנְדְזֶעטֶע שָׁאף פוּן רֶעכְטְפַארְטִיגֶען וֶועג"....

מִיכָאֵל הָאט זִיךְ גֶעפִּיהְלְט נִיט לָאוְוקֶע. דְבָאשֶׁע מִיט
חַנֶה'לֶען הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם מִיט פֶערְוואוּנְדֶערְטֶע, שְׁלֶעכְטֶע
אוֹיגֶען גֶעקוּקְט.

„מיר האבען געהערט פון זיין מונד - האט ר' שלמה'לע גערעזען - אז ער געהט ארום אין דער פינסטער דורך די מאכטער פון בערלען. ער האט אונז געזאגט הארב, אז ער וויל זי פערקנסען צו זיך פאר א ווייב, אונ אויף אללע אונזערע ראיות, אונ אויף אלע איינגענומענע רייד האט ער געזאגט, אז קיין געלד דארף ער ניט. אייער טאכטער, דאס איז מיין ווייב, די טהייערע מחלה, האט געוויינט; מיר האט וועה געטאהן דאס הערץ, אז דורך דעם וועט ער מאכען נידערען אייך מיט טרויער אין גרוב. ער האט אונז אפילו דער נאך געזאגט, אז ער וועט נאך איבערוועגען דאס, נאר דאס איז נאר צו פערדעקען די אויגען. דערום איילען מיר צו מאכען אייך וויסען, בכדי איהר זאלט איהם ארויף פיהרען אויפ'ן גלייכען וועג. אב צו טאהן פון איהם דאס פערקריהמונג פון מונד, אונ די שפאט פון די לעפצען צו ערנוייטערען פון איהם, ווי עס זאגט דער פסוק".

דבאשע האט שוין אפילו געוואלט מאכען א בעפאל, נאר ר' שלמה'לע האט ווייטער געלעזען:

„אונ די קוה די ראטהע, וואס אפשר געדענקט איהר, אז מיר האבען געקויפט אין ווינטער ביי דעם האר פון טרוסישאק, האט געוואונען, אונ גיט צו אונז מילך, ווי וואסער, א לויב צו גאט. אונ מיין ווייב מחלה האט בעקומען צוויי הינער, גרויסע, וואס זייערע פיס זיינען מיט האאר, אונ לייגען אייער, גרויסע, מיט צוויי געלכלאך. אונ נאך האב איך דעם כבוד אייך צו מאכען וויסען, אז דער נאראוויסט פערד געהט שוין גוט, אונ איך וועל איהם ניט בייטען אונ ניט פערקויפען. מעהר נייעס איז ניטא צושרייבען

פון מיר אייער איידעם געציל דער זוהן פון דעם רב, דעם געשטארבענעם איציק פון דאס הײליגע געמײנדע דוראצישאק".

מעהר וואס צו לעזען איז ניט געוועזן. ר' שלמה'לע האט אויפגעלייגט דעם בריעף, פונקט ווי ער איז געוועזן, אבלאז געטאן אין קאנווערט, אריינגעלייגט און זיך אב געזאגט.

— קנאפּע נחת! — האט ער ארויס געזאגט.

— רבונו של עולם! האט דבאשע מיט א תחינה-לשון געזאגט. — איך דבאשע, די טאכטער פון דיין דיהנסט גנענדיל! מיט וואס האב איך אזוי פערזינדיגט?.. וואס וועט פון אונז זיין, אז דו טהוסט אב דיין חסד פון אונז?.. חנה'לע, אויף וועמען האסטו זיך איצט אנצולעהנען, אז דיין ברודער, וואס איך האב געזאגט, אז אין זיין שאטען וועלען מיר לעבען, וויל טאהן אזא פּראסטען שדוך און אהן געלד...

חנה'לע איז אהן ווארטער געשטאנען.

ר' שלמה'לע האט זיך געפּרובט מאכען אסטראנגע מינע, נאר עס האט זיך עפּעס ניט געוואלט איינגעבען בשום אופן. עס האט זיך אויסגעלאזען נור מיט די שלאפּע ווארטער:

— וואו איז, זוהנעלע, דיין כבוד אב ואם?

— זאג מיר, פּאטערל, האט מיכאל סעריאזנע געזאגט:— די תורה הייסט אונז פיינד צו האבען א ווייב?

— בכן, איז וואס? - האט איהם ר' שלמה'לע פּער־וואונדערט אנגעקוקט. — געווים דארף א יוד גוט לעבען מיט זיין ווייב.

— נא, אבער אז איך וועל חתונה האבען מיט א וועלכע,

וועלכע

כּבוד אָב וָאֵם בּין איך מקַיים, נאָר האָבּען חתונה מוז איך
מיט אַזעלכע, װעלכע איך װעל װעלען....

— געװאַלד, װאָס פעהלט ר' יחיאל'ס טאָכטער? —
האָט דבאָשע געשריהען. — פינף טױזענד רובּעל נדן! פאָלג
מיר, סײַן זוהן, זעה איהר נאָר.

— עס איז גענוג, װאָס איך האָבּ געהערט. — האָט
מיכאל אָבּ געריסען.

— װאָס איז, אַ קאַליעקע אפשר?.. אַזאַ יאָהר אויף
מיר. פינף טױזענד רובּעל!.. װאָס שװײַגסטו, שלמה,
טאַטע מײַנער!!!

— די מאַמע איז גערעכט, האָט ר' שלמה'לע געמוזט
איהר צו-ליבּ מאַכען. — דעם גאַנצען לעבּען זײַנען מיר אָרעם.
חנה'לען דאַרף מען חתונה מאַכען. אונזער גאַנצער האָפנונג
איז געװעזען אויף דיר. איצט...

— איהר װעט לעבּען, װי איהר האָט געלעבּט. אײַערע
דאַרף איך ניט. װי װײַט איך װעל קאָנען, װעל איך חנה'לען
פערזאָרגען, איך זאָג דאָך אײַך ניט, אַז איך מוז נעהמען
דװקא עלקעלען, איך זאָג נור, אַז אויף זיך אַליין האָבּ איך
דאָס רעכט — ניט אַ צװײטער.

— אַדאַנק דיר מיכאל מיט דײַן פערזאָרגען אונז, האָט
דבאָשע מיט טהרערען געזאָגט. — אונזערע דאַרף ער ניט —
װאָס האָבּען מיר? אונזערע אַלטע יאָהרען האָבּען מיר?
אַ מײדיל, װאָס איז צײַט צו לײַטען צו שטעלען, אונ עס איז
ניטאָ װי?..

איך

מאכטער, איז וואס אנדערש...

— וועגען דעם וואלט איהר, מיינע אלטערען, גאר ניט רעדען.

— בערלען וועל איך אבער אויסמייטען! האט דבאשע געשריהען. — דער גזלן, ער האט מיר מיין קינד איבער געפיהרט ב. ער וועט זיין ביי מיר אויס שמש. דו הארסט, שלמה, אויס שמש!!

— פון בערלען, מאמעניא, געשעהט זיך אב. צו זיין מאכטער האסטו אויך ניט. איך פאהר זא ווי זא קארגען אוועק.

— וואס פאהרסטו, עפעס אוועק? — האט דבאשע געפרעגט פערקלעהמט.

— איך דארף פאהרען.

— אט איז די חייבערישע עסקים. — האט ר' שלמה'לע מיט פעדהוס געזאגט. — נעהמען אונז ארויס טרייבען א קינד פון שטוב... פערבלייב מיכאל: מיר ווידען דאך אלין, די מאמע — מאמע. ווי פאר א קינד, פערשטעהסטו.

— דאס איז גאר ניט. איך פאהר ניט אוועק צו ליב דעם, איך בעקום דערווייל א לעהרער — שטעלע, און ווייטער איז א גאנץ דא...

דעם צווייטען טאג אין דער פריה איז צום רב'ס שטוב א פורר צו געפאהרען; אין איהר האט זיך מיכאל איינגעזעצט. אויף זיין געזיכט איז א חמארע פערגיינען געווען.

וואס

A mayśeh fun aRov mit aRebitsn : oder A hun oy...
B-n, Y. (Yehoshu'a), 1858-1929
Film A 372.350
Harvard Library Judai... Di... ...ion
[335] mayeb... ...r00bnyy
Oct 17, 2016